א ליכטיגן תמיד
אודיס
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט   דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

אור הבוקר

יום ב' פרשת שלח תשפ"ב

אפגעשטעלט די שטורעמישע וואסערן

בערך א האלבע יאר נאך דעם וואס רבי מאיר שמחה, דער הייליגער אור שמח איז געווארן די רב אין שטאט דווינסק, איז געווען א מעשה פלא. די טייך פון שטאט האט אנגעפאנגן זיך אויפהייבן, עס איז געווארן העכער און העכער, עס האט אנגעפאנגן ווערן א מצב סכנה, אז עס זאל ח"ו נישט פארשוועמען די בריק און די גאנצע שטאט. פארשטייט זיך אז די וואסער האט געהאט אזיווי אלע וואסערן, וואס האבן אזעלכע הויכע ווענט, א דאמפ, אז די וואסער זאל נישט אריין אין שטאט. אבער דא האט מען געזען אזעלכע שטורעמעס, אז עס האט אויסגעקוקט ווי עס גייט פארשוועמען ח"ו די גאנצע שטאט, עס איז געווען א גרויסע סכנה.

די גוים זענען געלאפן צו זייער גלח. דער גלח האט געזאגט, ער קען גארנישט טון, דער איינציגסטער וואס קען עפעס טון איז דער רב פון די אידן. האט די רעגירונג אריבערגעשיקט א משלחת צו רבי מאיר שמחה, און געזאגט אז ער מוז עפעס טון.

רבי מאיר שמחה האט גענומען א פערד און וואגן, און ער איז געגאנגען דארט צו די גרויסע בריק מיט די גרויסע ווענט וואס מען האט געבויעט אז די וואסער זאל נישט איבעררינען, און אזיווי ער קומט דארט אן האט ער געזען, אז עס קוקט טאקע אויס אז עס גייט איבערפליסן. האט רבי מאיר שמחה געגעבן א זאג: "שר של ים! איך בין גוזר אויף דיר, אז דו זאלסט זיך שוין אפשטעלן!". די וואסער האט זיך נישט אפגעשטעלט. האט ער געזאגט נאכאמאל: "איך בין דא דער מרא דאתרא, און איך בין גוזר אויף

דיר זאלסט זיך אפשטעלן!". עס האט זיך נאכאלס נישט אפגעשטעלט. די דריטע מאל האט ער געזאגט זייער שטארקע דיבורים: "שר של ים! איך בין דער מרא דאתרא, איך בין גוזר אויף דיר זאלסט זיך אפשטעלן! טאמער דו וועסט זיך נישט אפשטעלן, וועל איך דיר לייגן אין חרם!".

אזויוי ער האט דאס געזאגט האט זיך דער שטורעם אפגעשטעלט, און אלעס איז צוריקגעגאנגען בשלום, ועיר דווינסק צהלה ושמחה, און אפילו די אומות העולם האבן געמוזט מודה זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

זיך נישט געלאזט פונעם יצר הרע

אז מען הערט די מעשה, קען מען אריינטראכטן א מורא'דיגע זאך, וואס האט שייכות מיט די וואכעדיגע סדרה. פון וואו האט רבי מאיר שמחה גענומען די כוחות? ווייל די כוחות האט ער געניצט קעגן די יצר הרע, די כוחות האט ער געניצט כדי צו קענען שטייגן און וואקסן אין תורה עבודה ויראת שמים, ער האט זיך נישט געלאזט פון די יצר הרע, ער האט געזאגט פארן יצר הרע איינמאל און נאכאמאל: "איך גיי מיר נישט לאזן פון דיר!" און די זעלבע שטארקייט האט ער דא געניצט כדי צו ראטעווען די גאנצע שטאט. נאכאמאל זאגן, נאכאמאל זיך שטארקן, און מיט דעם האט ער געניצט זיינע כוחות, וואס ער האט זיך מתגבר געווען קעגן די יצר הרע, צו ראטעווען די שטאט, און זיין א גוזר גזירה בגזירת מרא דאתרא. אבער פאר ער איז געווען מרא דאתרא האט ער געהאט די שטארקייט קעגן זיין יצר הרע, ער האט געניצט די כוחות צו אנקומען צו די מדריגה, ער זאל קענען ניצן די כחות דא.

אין די וואכעדיגע סדרה, די פרשה פון די מרגלים, שטייט. כלב האט געזאגט עלה נעלה כי יכול נוכל, מען קען ארויפגיין מיר קענען עס באוויזן.

לעבעדיג ארויס פון קבר...

די וועלט פארציילט א מעשה. עס איז געווען א איד וואס ער איז געבליבן איין טאג אין די ארבעט ביז שפעט, עס איז שוין געווארן טינקל און ער האט שוין געדארפט אהיימלויפן. די גראדע וועג איז א לאנגע וועג, אבער ער האט געקענט אדורכשניידן א קורצערע וועג דורך א בית החיים. געווענדליך, א מענטש האט מורא ביינאכט דורכצוגיין א בית החיים, אבער אזויווי ער יאגט זיך אהיים און עס איז א לאנגע וועג, האט ער געטראכט, ער וועט עס אדורכשניידן.

ער גייט אדורך צווישן די קברים, ער שלעפט זיך, אינמיטן איז ער

ארייינגעפאלן אין א קבר וואס מען האט געהאט געגראבן, און מען האט נאך קיינעם נישט געהאט ארייינגעלייגט, ער איז ארייינגעפאלן, ער האט פראבירט ארויסצוטאנצן. עס איז נישט דא וואו זיך אנצוכאפן, עס איז א לאך טיף אין די ערד, ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט זען אינדרויסן.

אזיווי ער האט געזען, ער קען נישט ארויסגיין, האט ער זיך באקוועם געמאכט, און געטראכט, ער וועט דארט שלאפן, און דער הייליגער באשעפער זאל האלטן די רעכטע האנט, עס וועט קומען צופרי, מענטשן וועלן קומען, וועט ער שרייען און מען וועט אים ארויסנעמען.

ער זיצט זיך אזוי רואיג דארטן, ער האלט ביים איינשלאפן, אינמיטן זעט ער ווי נאך א איד האט מחליט געווען צו דורכשניידן דעם בית הקברות, און יענער איז אויך ארייינגעפאלן אין דעם קבר וואס מען האט געגראבן. אזיווי ער זעט ווי יענער איד פראבירט ארויסצוגיין און יענער קען אויך נישט גיין, האט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, פארשטייט זיך עס איז שטאק טינקל, קיינער זעט נישט איינער דעם צווייטן, און ער שפאצירט צו צו יענעם, און ער גיבט אים אזא כאפ אן אין פלייצע, ווי צו זאגן, אז ער איז צוזאמען מיט אים אין די זעלבע צרה, און זיי זאלן צוזאמען פראבירן ארויסצוגיין.

אזיווי ער האט נאר פראבירט ארויפצולייגן זיין האנט אויף יענעמס פלייצע, יענער האט נישט געוואוסט צו עס איז א שד אדער א מת, ווער ווייסט?... האט יענער גענומען אלע זיינע כוחות און געגעבן א שפרינג ארויס, און געכאפט פליטה!... אזיווי ער האט דאס געזען, האט ער אנגעפאנגען טראכטן: און ווער זאגט אז ער קען נישט?! אז יענער - מחמת פחד - האט זיך געקענט מיט אלע כוחות צאמנעמען און געבן א שפרינג ארויס, ווער זאגט אז ער קען נישט?! ער קען אויך!! האט ער גענומען אלע זיינע כוחות, און ער איז ארויסגעשפרינגן פונעם לאך, פון די געגראבענע קבר, און ארויסגעלאפן פון די בית הקברות, און אנגעקומען אהיים.

יא, מיר האבן די כוחות!

דאס האט כלב געזאגט: איר ווייסט נישט וואס פאר א כוחות מיר האבן, דער הייליגער באשעפער האט געגעבן פאר יעדע איד כוחות עצומות צו קענען היטן די תורה, דינען דעם אויבערשטן, מקיים זיין כל התורה כולה מיט אלע הידורים מיט אלע מנהגים, מיט אלע מסורות וואס מיר האבן דערויף, דער הייליגער באשעפער האט געגעבן געוואלדיגע כוחות פאר א איד, אין די

שווערסטע מצב צו זיין בשמחה, צו קענען לעבן מיט אמונה. דער הייליגער באשעפער האט געגעבן פאר יעדע מענטש כוחות עצומות צו הארעווען אויף תיקון המידות, שמירת עינים, שמירת הדיבור, שמירת האברים. א איד דארף נאר גלייבן אין די כוחות, און זאגן 'עלה נעלה' מיר קענען ארויפגיין, מיר קענען וואקסן און שטייגן, מיר גלייבן אינעם הייליגן באשעפער, עס מוז נישט שטימען שכלי, עס איז אמונה פשוטה, אז דער הייליגער באשעפער האט מיר געגעבן די כוחות, איך האב עס, איך קען עס ניצן, און איך גיי עס ניצן, און אזוי וואקסט מען אן ערליכער איד, אן עובד ה', מיט התקרבות להקב"ה.

מזמור לתודה וואס האלט די לעקטער...

א איד האט פארציילט ער האט צאמגענומען די גאנצע משפחה, א גרויסע משפחה, מען גייט מאכן א שבת התאחדות, די גאנצע משפחה וועט זיך צאמקומען, די אור-עלטערן, די עלטערן, מען זאל זיך באקענען, א ווארימע שבת, לכבוד שבת קודש, אריינצוברענגען א ווארימע אידישקייט אין די משפחה, א שמחה אין די משפחה.

מען איז אנגעקומען, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן אלעס האט געקלאפט, פון ווען מען האט זיך געפאקט די פעקליך ארויסצופארן די גאנצע משפחה, די וועג, די אנקומען, זיך מסדר זיין, יעדער איז געווען צופרידן.

א צוואנציג מינוט פאר די שקיעה, און מען צינד די לעכט, און די לעקטער האט געקראכט! דאס מיינט, עס איז נישט דא קיין ווארעמע עסן, עס איז נישט דא קיין קאלטע עסן, די פריזשידערס, די פריזערס, די פלאטעס, אלעס וואס מען האט צוגעשטעלט צו ווארעמען די עסן, אלעס האט זיך אויסגעלאשן, און עס איז נאך הייס די וועטער. די גאנצע געבוי, די גאנצע תכלית פונעם שבת, רבוש"ע! מען פאלט אריין אין אזא מצב. אבער די אידן לעבן אין 'מזמור לתודה' און דאנקן דעם אויבערשטן.

דער טאטע האט געזאגט: קינדערלעך! קודם לאמיר אונז דאנקן דעם באשעפער, ער האט אונז אזוי שיין אהערגעפירט, עס האט זיך אלעס אזוי שיין אויסגעארבעט, פונעם פאקן די פעק, אזוי שיין געווען, אלעס צוגעגרייט. די נשים צדקניות האבן שוין געצינדן די לעכט, דער הייליגער באשעפער איז דאך א טוב ומטיב לכל, לאמיר דאנקן דעם באשעפער אויף ביז יעצט, און מען וועט פראבירן עפעס צו טון.

מען פראבירט איין זאך, עס גייט נישט. מען פראבירט אן אנדערע זאך, עס גייט אויך נישט. אבער די

רואיגקייט, די אמונה פשוטה, זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן, האט געקלינגען אין אלע ווענט און אין יעדעמס הארץ, און עמן האט געקענט זען אויף די אלע פענימער דאס רואיגקייט. ברוך ה׳ אלעס וועט זיך אויסארבעטן לטובה ולברכה, דער הייליגער באשעפער טוט נאר גוטס.

און אזויווי מען לויבט דעם באשעפער און מען פראבירט צו טון השתדלות, און מען גיבט א קוק אויפן זייגער, עס איז שוין כמעט די שקיעה, און נאכדעם וועט מען גארנישט קענען טון. אבער ברוך ה׳, ממש פארן שקיעה, האט זיך צוריק אנגעצינדן די לעקטער! דער איד זאגט: זיי האבן געהאט א הערליכע דערהויבענע שבת, מיט אזויפיל שבח והודאה פארן אויבערשטן.

אבער הערט א מעשה! עס קומט מוצאי שבת, מען מאכט הבדלה, מען הייבט אן צאמפאקן דאס געפעק, און די לעקטער לעשט זיך אויס, און מען האט עס מער נישט געקענט אנצינדן!

די מזמור לתודה האט געהאלטן לעקטער א גאנץ שבת! ׳עלה נעלה׳ מיר קענען ארויפגיין, ׳כי יכול נוכל׳ מיר האבן די כוחות!

געפארן מיט מזמור לתודה

א איד האט געוואלט אריינפארן אויף מאנטריאל, און מען האט אים נישט אריינגעלאזט וועגן די וואקסין, ער האט פארשאפט די זאכן וואס ער האט געדארפט, און ער איז צוריקגעקומען. די צווייטע מאל וואס ער האט געוואלט אריינפארן האט ער שוין געדענקט אז מען דארף זינגן מזמור לתודה, מען דארף זיין בשמחה. און מיט די מזמור לתודה און רואיגקייט און אמונה פשוטה האט דער הייליגער באשעפער געהאלפן מען האט אים דורכגעלאזט.

עס איז אריינגעקומען א איד צום הייליגן רבי פון לובלין זי״ע, און ער זאגט: רבי, ער האלט פארן חתונה מאכן א קינד, און ער האט נישט קיין געלט! האט אים דער הייליגער רבי פון לובלין געגעבן א כתב המלצה, און געזאגט: זאלסט פארן אויף די שטאט ראדאשיץ, דער ערשטער איד וואס דו וועסט דארט טרעפן, זאלסטו געבן דעם כתב המלצה, און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן, וועסט האבן א ישועה! און דער רבי פון לובלין האט אים אויך אריינגערוימט אין אויער עפעס א סוד.

ער קומט אן אין שטאט ראדאשיץ, און ער קומט אן אין בית מדרש, און דער ערשטער וועם ער האט אנגעטראפן איז געווען דער הייליגער ראדאשיצער. עס איז נאך געווען פאר די התגלות, און דאס איז געווען דער ערשטער איד וועם ער האט געטראפן. און ער גיבט אים די

בריוו. דער הייליגער ראדאשיצער לייענט די בריוו, און ער גיבט א קרעכטץ, און ער זאגט אים: רעב איד, איך וויל טון די רצון פון הייליגן צדיק, דער רבי פון לובלין, אבער איך בין נישט פאסיג דערצו. ערשטנס, איך הייס דאך 'בערל בטלן' איך בין נישט קיין מוצלח, ווער וועט מיר געבן געלט? און צווייטנס, נעכטן בין איך ארומגעגאנגן פאר צדקה, און מען האט מיר אנגעווארנט, איך זאל שוין נאכאמאל נישט קומען, ביז א יאר זאל איך מער נישט קומען!

האט דער איד געזאגט: ביסט זיך זייער טועה, דער רבי פון לובלין האט געזאגט, אז פארן ערשטן איד זאל איך געבן דעם בריוו, און דער רבי האט נישט געזאגט איך זאל פרעגן צו ער איז א בטלן אדער נישט קיין בטלן, צו ער האט שוין נעכטן גענומען געלט און מען האט אים אנגעזאגט ער זאל מער נישט קומען. דער רבי האט געזאגט, דער ערשטער איד... אבער איך וויל אייך זאגן נאך עפעס וואס דער רבי האט מיר געזאגט. דער רבי האט מיר געזאגט, אז ווען איך טרעף דעם ערשטן איד און ער זאגט אפ, זאל איך אים זאגן: דו ביסט נישט אויף די רשימה!

דער הייליגער ראדאשיצער גיבט א טראכט: דער רבי פון לובלין זאגט ביסט נישט אויפן רשימה, וועלכע רשימה רעדט מען דא? האט אים דער איד געזאגט, מען רעדט פון א רשימה אויבן אין הימל. דער באשעפער האט א גאנצע רשימה וועם ער גיבט איבער ווער עס זאל העלפן וועלכער איד, עס איז א גאנצע רשימה. אויב דו נעמסט נישט אן די תפקיד, איז א סימן אז דו ביסט נישט אויף די רשימה. איך גיי זוכן א צווייטן...

אזוי ווי דער הייליגער ראדאשיצער האט דאס געהערט, האט ער געזאגט צו דעם איד: ער נישט מסכים, ער וויל זיין אויפן הייליגן באשעפערס ליסטע. און זיי האבן אנגעפאנגן גיין נאך צדקה. ער קלאפט אריין צו דעם עושר, און ער זאגט: דער איד גייט נאך צדקה און ער האט א כתב המלצה פון רבי'ן פון לובלין, איז געגאנגן דער עושר און געפרעגט וויפיל געלט דארף מען האבן צו חתונה מאכן? האט ער אנגעגעבן די סומע, און ער גייט צו זיין אוצר, און ער נעמט ארויס די גאנצע סכום וואס מען דארף צו חתונה האבן.

דער איד שטייט פארוואונדערט וואס דא גייט פאר, און ער הייבט אן זאגן פארן ראדאשיצער: איך דאנק דיך, האבסט מיך ממש געראטעוועט, אין איין מינוט האסטו עס געמאכט! האט אים דער ראדאשיצער געזאגט: דו דארפסט נישט זאגן ש'כח פאר מיר, האסט מיר זייער גוט געזאגט, האסט געזאגט, אז איך בין נישט אויף די רשימה, און איך וויל יא זיין אויף די רשימה.

מיר ווילן אלע זיין אויף די רשימה פונעם באשעפער!

ווען דער הייליגער באשעפער וויל מען זאל ליב האבן אידן און מוחל זיין, קען מען מוחל זיין און מוותר זיין, און איך קען זיין בשלום, און איך קען לעבן מיט אמונה פשוטה, און נישט זאגן עס איז שווער, אבער עס איז דאך ביטער, איך האלט נישט אויס...

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט: 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך'. מען פארציילט אז רבי דוד פון מייקאלאב, דער תלמיד פונעם הייליגן בעש"ט, איז אמאל אהיימגעקומען פון מעזיבוש, און אויפן וועג האט ער פארציילט גרויסע זאכן אויפן בעש"ט הק'. אינעם אכסניא איז געווען דער הייליגער תולדות יעקב יוסף, נאך פאר ער איז נתקרב געווארן צום בעש"ט, און ער האט צוגעהערט אז רבי דוד רעדט אזוי פון בעש"ט הק', און רבי דוד האט דארט געזאגט, אז עס זענען דא מענטשן וואס מאכן אוועק די חסידים, אז מען זעצט זיך אוועק ביי א מסיבה מיט חברים, און מען טרינקט לחיים. האט ער פארציילט די גרויסקייט פון זיצן צוזאמען און טרינקן לחיים, אז ער האט אמאל געהערט פון בעש"ט הקדוש, אז דורך דעם וואס צוויי אידן זיצן צוזאמען און טרינקן לחיים, איז דער באשעפער מוחל די עוונות. און דער בעש"ט הק' האט געברענגט א זכר אויף דעם, אין פסוק שטייט די וואך אין די סדרה, ו'יאמר ס'לחתי כ'דבריך איז ר"ת כוס.

האט זיך אנגערופן רבי יעקב יוסף, דער תולדות, און ער זאגט: דיין רבי האט פארגעסן צו דערמאנענ די נאמען פונעם אויבערשטן, עס שטייט נישט 'ויאמר סלחתי כדבריך' עס שטייט 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך'.

האט אים רבי דוד געזאגט: ח"ו, דער הייליגער רבי דער בעש"ט, האט נישט פארגעסן פון באשעפערס נאמען. נאר וואס דען? צוויי אידן זיצן און טרינקן באהבה, איז דא צוויי יוד"ן, איז דאך די שם ה', בלייבט דאך נאר איבער די 'ויאמר סלחתי כדבריך', אז עס איז דא צוויי יודן באהבה אחוה שלום וריעות, ויאמר סלחתי כדבריך, די צוויי אידן זענען דאך שוין דא, אויף דעם דארף מען נישט קיין רמז, אבער טאמער עס זיצן צוויי אידן, בלייבט: ויאמר סלחתי כדבריך.

מיר דארפן אלע סליחה אויף די עוונות, און גרויסע ישועות, רפואות, פרנסה און נחת, מען דארף אזויפיל גזירות מבטל זיין. מיט ליב האבן אלע אידן, מיט לעבן באחדות, לעבן מיט אמונה ובטחון, גלייבן אין די כוחות וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן, וועט מען זוכה זיין צו כל מיני ישועות, און לעכטיגן תמיד. אמן כן יהי רצון.

קול פנים מאירות: שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
צענטראלע נומער: 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 |
ארגענטינע: 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

עצתו אמונה

וואס איז דאס אמונה?!

וואס איז דאס אמונה? פארוואס דארף מען האבן אמונה? איז עס איינע פון די מצוות התורה? איז עס א זאך וואס קומט ארויס פון די טיפענישן פון די הארצן? דארף מען לערנען ספרים אויף אמונה? דארף מען עוסק זיין אין אמונה? און פארוואס רעדט מען נישט דערפון אין די מוסדות התורה?

טייערער בחור! לערן גמרא רש"י תוספות, לערן מוסר און חסידות, און וואס דארט שטייט דאס זאלסטו טון. אלעס וואס פעלט אויס פאר אונזער אמונה, שטייט אין די ספרים הקדושים. אמונה איז נישט קיין זאך וואס אונז קענען אליינס ארויסטראכטן. אמונה ווערט געברענגט אין די חז"ל. אמונה שטייט אין די תורה, אמונה שטייט אין מדרשים, אמונה שטייט אין די ספרים הקדושים, בעלי מוסר און ספרי חסידות, ספרי חתם סופר. מען לערנט די ספרים הקדושים, און דארט זעט מען פונקטליך וואס איז אמונה, און ווען איז אמונה, און וויאזוי עס איז אמונה, און וואס עס שטייט דאס איז אונזער אמונה. מער פון דעם דארף מען נישט טראכטן און נישט פארשטיין. און א מענטש דארף לעבן בתמימות, טון די רצון הבורא ית"ש וואס מען לערנט, די ספרים הקדושים זענען שיין מסביר די ענינים פון אמונה.

די סיבה פארוואס מען לערנט נישט פאר, ספעציעלע שיעורים אויף אמונה. אונז האבן נישט קיין מסורה אז מען זאל פארלערנען אויף דעם ספעציעלע שיעורים. באמת מצידי, אין די מוסדות בזמנינו, וואלט מען אפשר יא געדארפט געבן שיעורים אויף דעם, נישט בעצם געבן - ווי מען זאגט - שיעורים אין השקפה אויף אמונה, אבער פארלערנען יעדע שטיק צייט שיעורים פון די ספרים הקדושים, וואס זיי רעדן פון אמונה, מסביר זיין וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים. מען וואלט יא געדארפט פארלערנען שיעורים אויף דעם, אבער נישט אייגענע שיעורים, ווי מען זאגט, מען גייט יעצט רעדן פון אמונה, מען גייט זיך אריינטון אין אמונה. נאר פארלערנען פאר די קינדער, פאר די בחורים, פאר די

מיידלער, וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים בענין אמונה, איבערזאגן אווארט, איבערזאגן א מאמר, ווארט ביי ווארט אינעווענדיג, מחזק זיין און זיך שטארקן - וואלט מען ווען יא געדארפט. איך ווייס נישט פארוואס מען טוט עס נישט.

עפענען אן אייגענע ביזנעס שטימט מיט 'אמונה'?!

א איד האט אנגעפרעגט, ער האט א גוטע ארבעט'ס-פאסטן, ער ווערט שיין באצאלט. אבער פון די אנדערע זייט האט ער א טאלאנט צו עפענען אן אייגענע ביזנעס, אן אייגענע פרנסה. זאל ער ארויסגיין פון די ארבעט און עפענען אן אייגענע, אדער ער זאל בלייבן אין די ארבעט וואו ער איז. די שאלה ווערט אויך אוועקגעשטעלט אלס די ענין פון השתדלות, צי ער זאל האבן גענוג געלט חתונה צו מאכן די קינדער, קויפן א הויז, אוועקלייגן אויף די עלטערע יארן. פון זיין אן ארבעטער קען מען נישט האבן געלט אוועקצולייגן, אבער מען קען לעבן אין אמונה און בטחון. ווען מען האט אן אייגענע פרנסה, געווענדליך איז די סדר העולם, אז מען האט איבריג געלט אוועקצולייגן, מען קען לעבן מער בהרחבה, חתונה מאכן די קינדער, מאכן שמחות, און אויף די עלטערע יארן. וואס איז זיין מצוה פון השתדלות?

די תשובה אויף דעם איז אזוי. אויב א מענטש קען מאכן פרנסה און ער זאל נישט דארפן זיין תלוי אויף די ציבור, האט א מענטש א געוויסע התחייבות דאס צו טון. די ענין פון אמונה און בטחון איז נישט, אז א מענטש געבט זיך א שטעל אפ: "איך האב אמונה און בטחון, איך דארף גארנישט טון!". אדער: "איך האב אמונה און בטחון, און איך טו א זאך, וואס בעצם, איך דארף עס נישט טון, אבער איך טו עס ווייל איך האב אמונה און בטחון!". יא, עס איז דא בעלי מדריגות וואס זיי קענען ציקומען צו די מדריגה, מען דארף באמת האלטן דערביי. א מענטש וואס ער שפירט נישט אז ער איז אין די מדריגה, פארוואס זאל ער נישט עפענען אן אייגענע געשעפט כדי צו קענען האבן געלט חתונה צו מאכן די קינדער, ער זאל נישט ארויפפאלן אויפן ציבור?

ווייל אפילו א איד האט אמונה און בטחון, די אמונה און בטחון מיינט נישט, אז די געלט וואס עס גייט אנקומען חתונה צו מאכן די קינדער, וועט נישט זיין געלט פונעם ציבור, דער אייבערשטער וועט אים צושיקן געלט.

א מענטש וואס האט א טאלאנט, איז דאך פשט אז דער רבוש"ע האט אים באשאפן פאר א סיבה דעם טאלאנט, און דאס איז - צו ניצן דעם טאלאנט. צו זיין א פשוטער ארבעטער און זיך מאכן באקוועם אין לעבן, און זאגן: ווייל איך האב אמונה און בטחון און איך דארף נישט טון די השתדלות - א מענטש האט נישט די התחייבות אויף דעם. אדרבה ואדרבה! דער רבוש"ע האט דיר געגעבן טאלאנטען, טו עס, ניץ עס אויס, קענסט מהנה זיין דיך, דיין משפחה, און אנדערע אידן.

פארשטייט זיך, ווען איז די נפקא מינה? אויב דו וועסט עפענען אן אנדערע געשעפט, און לכבוד דעם וועסטו געשטערט ווערן פון לערנען און דאווענען, לכבוד דעם וועסטו נישט קענען געהעריג זיך אפגעבן מיט דיינע קינדער - דעמאלסט ביסטו גערעכט - יעצט האסטו א גוטע פרנסה, קענסט לערנען, קענסט דאווענען, קענסט זיך אפגעבן מיט די קינדער. צו שטערן די עבודת הקדוש, די עבודת ה', די תכלית החיים, די תפקיד אויף די וועלט - ווייל מען דארף האבן געלט אוועקצולייגן? ניין! דאס איז שוין א חסרון אמונה ובטחון. אבער אויב דו קענסט עפענען א געשעפט וואס דער רבוש"ע האט דיר געגעבן די טאלאנטן דערצו, און דו קענסט ווייטער אנהאלטן דיין דאווענען, דיין לערנען, דיין מחנך זיין די קינדער, דיין עבודת הבורא יתברך שמו ויתעלה - עס איז נישט דא קיין שום חסרון אמונה ובטחון אז א מענטש זאל נישט עפענען די אייגענע ביזנעס, די אייגענע געשעפטן, כדי מען זאל האבן הרחבה מיט הרוחה! דער הייליגער באשעפער האט געגעבן טאלאנטן עס צו ניצן. אדרבה! וועסט קענען געבן צדקה, וועסט קענען בעסער מחנך זיין די קינדער, וועסט בעסער דינען דעם אייבערשטן, און וועסט קענען אוועקלייגן געלט כדי נישט ארויפצופאלן אויפן ציבור.

און אין א געשעפט וואס מען פירט אליין, איז דא אזויפיל אמונה און בטחון, אזויפיל ענינים וואס עס קומט כסדר אונטער, אז יש לו מנה ורוצה מאתים.

ווערט דארט אליין זיך דארפן האלטן שטארק נישט אדורכצופאלן אין חסרון אמונה בטחון, מיט האבן אן אייגענעם געשעפט. מען מוז נישט זיין קיין ארבעטער אין אן ארבעטס פלאץ, כדי צו האבן אמונה ובטחון. מען קען האבן אן אייגענעם געשעפט אויך, און עס איז א געוואלדיגע השתדלות.

חוץ מזה וואס מען דארף געדענקן. זיין אן ארבעטער ביי יענעם, דו ווייסט נישט וועלכע טאג יענער וועט נישט קענען דיך האבן. בכלל מען וואקסט נישט אסאך אין לעבן. א מענטש דארף זיין איינער וואס ער וואקסט, מען שטייגט, מען קומט אן.

אויך דארף מען געדענקן, אז עס קומט א יארגאנג וואס מען ווערט אויס פעהיג צו זיין אן ארבעטער ביי יענעם. ווען מען האט אן אייגענעם געשעפט קען א מענטש ווייטער אנגיין. די קינדער נעמען עס איבער, מען קען דינגען מענטשן זאלן עס איבערנעמען, און מען בלייבט נאך אלס בעל הבית, און מען קען ווייטער אנגיין אין לעבן. עס איז זייער א וויכטיגע זאך פאר אינגע מענטשן צו געדענקן, אז ווען ווערט פופציג-זעכציג יאר, איז מען נישט קיין פעהיגער ארבעטער, און עפ"י רוב, נאר מענטשן וואס זיי האבן אייגענע פרנסות, האבן ווייטער פון וואו צו שעפן חיות און אנגיין אין לעבן. זייער אסאך מענטשן אין די מיטעלע עלטערע יארן, ווערן צעבראכן און ווערן צאמגעקלאפט. איז דאס אליין א חיוב אז א מענטש זאל שוין זארגן אז אויף די עלטערע יארן זאל ער האבן וואס עוסק צו זיין, און נישט זיין א צעבראכענע מענטש.

אויך ווען מען עפנט אן אייגענע פרנסה טוט מען אויף אז מען קען העלפן די קינדער, מען קען האבן איידעמער וואס זאלן זיצן און לערנען, מען קען האבן זון וואס זאלן זיצן און לערנען. אזויפיל רוחים האט מען פון דעם, און עס איז נישט קיין חסרון פון אמונה בטחון, פון אזא השתדלות. ווייל דער רבוש"ע האט דיר געגעבן די טאלאנט. נאר ווען א מענטש טוט א זאך וואס עס שטערט זיין עבודת הקודש, זיין אנגיין אין לעבן, אדער וואס עס איז קעגן זיין טאלאנט און ער רייסט איין, דאס הייסט אוועקגעגאנגן פון אמונה און בטחון. אבער ווען א איד טוט וואס עס זעט זיך אויס אז דאס איז זיין תפקיד און עבודת השם, דאס איז נישט קיין חסרון פון אמונה און בטחון.

מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com